#12

# פייער זיכערהייטס אינדערצייט פון שבתים און ימים טובים

פייער דעפארטמענט, ניו יארק סיטי
פייער זיכערהייטס ערציאונג

**א**ין אלע אידישע שטובער זענען ערב שבת און ערב יום טוב א צייט ווען מען קאכט און באקט מער ווי געווענטליך. שבת און יום טוב זעלבסט זענען צייטן ווען מען ניצט אסאך ליכט.

**עס איז כדי איבערצוקוקן די פאלגענדע זיכערהייטס באווארעניש מיטלען און זיך זעהן צו האלטן דערצו כדי צו פארמיידן די ריזיקע פון פייערן און וואונדן בשייכות צו פייערן.**

*ונשמרתם מאד לנפשתכם— האלט אייך צו די פאלגענדע פארשריפטן.*

## אנגרייטן די קאך און קאכן

**פופציג פראצענט פון אלע פייערן וואס פאסירן אין דירות און א פערטל פון די פייערן אין פריוואטע היימען הייבן זיך אן אין קאך.** מערסטנס הויז פייערן וואס פאסירן פין קאכן קומען פונעם פלאץ פונעם גאז רענטש. א דריטל פון די פייערן קומען אלץ רעזולטאלט פון לאזן מאכלים קאכן אן אויפזיכט.

מערסטנס פייערן און בריען קענען מיט'ן איבערשטנ'ס הילף ווערן פארמיטן ווען מען גרייט צו מאכלים דירכ'ן נעמען די זיכערהייטס באווארעניש מיטלען. פאלגט אויס די באווארעניש מיטלען ווען איר גרייט אן אין קאך אין בשעת איר קאכט, איבערהויפט פאר שבת אדער יו"ט ווען מען קאכט מער:

- בלייבט אין לאך. לאזט נישט דאס עסן זיך קאכן אן אויפזיכט.
- טראגט מער געפאסטע אדער גוט צוגעמאכטע ערמל. (ברייטע ערמל האבן אסאך גרעסער שאנסן צו ווערן אריינגעכאפט אין די הענטל פון א טאפ).
- זייט ספעציעל געווארענט ווען איר ארבעט מיט בריעדיגע וואסער.
- קאכט אויף די אנגעוויזענע טעמפערוטור ווי איידער קאכן אויף א הויעכע פלאם.
- ווערט נישט פארמישט ווען איר ווערט פארנומען מיט אויסהערן קינדער, אויפהייבן טעלעפאנען אדער ענטפערן דעם טיר בעל.
- מאכט זיכער אז כאטש 3 פיס ארום די אויוון זאל זיין פריי פון קינדער.
- האלט דאס פלאץ ריין פון האנטוכער, אפווישטוכער, פאפיר, אדער סיי וואס עס לען ברענען.
- דרייט די הענטלעך פינעם טאפ אויף אריין אזוי אז עס זאל זיין אין ריכטונג פונעם וואנט כדי צו פארמיידן בריען וואס פאסירט ווען א טאפ ווערט בטעות איבערגעדרייט אדער גיסט זיך אויס.
- האלט א טאפ דעקל און בעיקינג סאדע צו די האנט כדי דערמיט צו דערשטיקן א טאפ פייער. **ניצט נישט קיין וואסער.**
- באהאנדעלט בריען גלייך ווען עס פאסירט דורכ'ן לאזן קאלטע וואסער לויפן דעראויף און מאכט זיכער דאס צו ווייזן פאר א דאקטער.



סמאוק אלארמס ראטעווען לעבנס    קארבאן מאנאקסייד דיטעקטארס ראטעווען לעבנס    סמאוק אלארמס ראטעווען לעבנס

א פובליק פייער זיכערהייטס מעלדונג פון די ניו יארק סיטי פייער דעפארטמענט


Michael R. Bloomberg, מעיאר
Nicholas Scoppetta, פייער קאמישאנער

The City of New York

FDNY
*פייער זיכערהייטס איז אונזער פליכט*

February 2006

## ליכט זיכערהייטס - שבת און יום טוב

איבער דרייסיג פראצענט פון ליכט פייערן פאסירן יוען די ליכט ווערן געלאזט אן אויפזיכט. העלפט פון די מענטשן וועלכע זענען געשטארבן פון ליכט פייערן אין זייער היים זענען **אינגער ווי צוואנציג יאר**, און מערסטנס פון די קרבנות זענען אין די יארן פון 5 און 9. בריען און פייער-בריען זענען די הייפט סיבה וועלכע פאראורזאכט טויט אינדערהיים פאר קינדער און יונגע ערוואקסענע.

שבת און יום טוב ווען איר האט ליכט וואס ברענען אין שטוב מאכט אייער שטוב א זיכערערע פלאץ דורך:



- ניצן שטארקע ליכט, מיט א באשיצנדע ראם, וואס קען נישט ברענען (גלאז, מעטאל).
- מאכט זיכער אז די ליכט זענען פלאצירט כאטש 4 פיס ווייט פון די פירהענג, ראלעטן, קאך קעבינעטס און בעטגעוואנט.
- פלאצירט די ליכט אויף א פלאץ ווי קינדער קען נישט דערגרייכן.
- לאזט קיינמאל נישט ברענענדיגע ליכט אן אויפזיכט.
- מאכט זיכער אז האר און קליידינג ווי ערמל אדער שירצל זאל זיך נישט אנכאפן אינעם פלאם בשעת איר גיט זיך אפ מיט די ליכט.
- האלט שוועבעלעך און "לייטערס" (אנצינדערס) ווי אויך לייכטערס אויף א פלאץ ווי קינדער קענען נישט צוקומען.
- האלט א שטענדיגע אויפזיכט אויף די חנוכה מנורה'ס צו מאכן זיכער אז קינדער רירן נישט צו דערצו.

***ביים בודק חמץ זיין גיט אכט צו האלטן דאס ליכטל ווייט פון בעטגעוואנט, טישטוכער, קליידונג אדער סיי וואס עס קען ברענען. ניצט א פלעשלייט פאר פלעצער ווי עס איז אייך שווער צוצוקומען.***




**פאלגט אויס די וויכטיגע פייער באווארעניש**
**מיטלען פון די ניו יארק סיטי פייער דעפארטמענט**

### גרייט אן א פלאן ווי אזוי צו אנלויפן אויב עס פאסירט ח"ו א פייער

**איז אייער פאמיליע פארגעברייט ווי אזוי איבערצולעבן א פייער אין אייער היים?** באשיצט אייער פאמיליע דורכ'ן זיך אנגרייטן און חזר'ן א פלאן ווי אזוי מען אנטלויפט פון פייער, על כל צרה שלא תבא. גרייט אן צוויי וועגן פון יעדע שטוב אין באשטימט א פלאץ אינדרויסן פון אייער היים ווי זיך צו טרעפן צו וויסן אז יעדער איז בשלים ארויס פונעם סכנה.

### מאכט זיכער אז אייער סמאוק און קארבען מאנאקסייד אלארמס ארבייטן:

***צוויי מאל א יאר ווען איר טוישט אייער זייגער,***

- טוישט אייער סמאוק דיטעקטאר אלארם בעטעריס.
- טוישט אייער קארבאן מאנאקסייד דיטעקטאר אלארם בעטעריס.
- האלט אין איין איבער'חזר'ן אייער היים פייער אנטלויפן פלאן

### אויב עס פאסירט ח"ו א פייער:

- פרובירט נישט אליינס זיך צו שלאגן מיט'ן פייער.
- גייט ארויס אין בלייבט אינדרויסן. פרובירט נישט איינצוזאמלען פארזענליכע חפצים.
- **פארמאכט די טיר אויף אייער וועג ארויס.**
- אויב עס איז דא רויעך, דאן בייגט אייך אראפ דאס מערסטע וואס איר קענט און האלט אייער מויל פארמאכט.
- רופט 911 אדער הצלה ווען איר דערגרייכט א זיכערע פלאץ.
- **אויב סיי וועלכע חלק פון אייך אדער אייער קליידונג כאפט זיך אן אויף פייער, לויפט נישט און פרובירט נישט צו פארלעשן די פייער מיט אייער הענט. דעקט צו אייער פנים מיט אייערע הענט און בייגט זיך אראפ אויף די ערד און דרייט אייך איבער און איבער.**